בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

433

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

לָאזְן דָאס קִינְד פַּארְפִירְן?.......... א

ווִי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער?.......... ב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פַּארְפַּאסְט מִנְחָה.......... א

אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.......... ב

כּוֹי צוּרִיק דַיין שְׁטוּב.......... ג

זָאגְן פוּן אִינֶעוֵויינִיג דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר.......... ה

תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ.......... ו

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דֶערְלַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם.......... ו

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל.......... ז

לְצָרֶךְ פַּרְנָסָה? זוּךְ אַן אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה.......... ח

הֲפָצָה רַאטֶעוֶועט דָאס לַאנְד פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת.......... ט

פַּארְן אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג וָואס אִיז רֵיין?.......... י

לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם צֶעבְּרֶעכְן.......... י

דֶער מַאן גֶעבְּט נִישְׁט מַעֲשֵׂר.......... יא

כֹּחַ, פְּלָאג, אוּן קִישְׁקֶעס, פַאר עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.......... יב

ווִילְסְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן? גֵיי, גֵיי, גֵיי.......... יג

גֶעוואוּיר גֶעוָואָרְן דֶעם סוֹד בַּיי דִי אַכְט יָאר אַלְט ........................ טו

אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג פָאָרְן קַיין אוּמַאן? ........................ טז

מַיין נִישְׁט אַז יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער ........................ טז

לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְלוּפְטֶעְרן ........................ יח

נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים סְתַם צוּ זוּכְן צָרוֹת ........................ יח

אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר דִי וַוייבּ אַן אֵייזְקְרִים ........................ כ

גֵיי אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶועט דִי בּוֹיךְ וֵויי אַוֶועק גֵיין ........................ כ

וֶוען דִי וַוייבּ הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן ........................ כא

גֶעשְׁנִיטְן דִי שֵׁייטְלֶעךְ ........................ כב

דִי שִׂמְחָה פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר ........................ כג

זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דֶערְוַוייטְנְס ........................ כו

זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם ........................ כז

דֶער לַ״ג בָּעֹמֶר שִׁיסֶער דֶערְמַאנְט אוּנְז ........................ ל

זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט שֶׁעמֶען, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר ........................ לב

זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם ........................ לג

מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אוּן מַאכְן פֵּיאוֹת ........................ לד

לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז מְסוּגָל אוֹיסְצוּ׳פּוֹעֵלְ׳ן קִינְדֶער ........................ לה

מִנְהָגִים בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת ........................ לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## לָאזְן דָאס קִינְד פַארְפִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שְׁטֶענְדִיגֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען כְּסֵדֶר, פוּן יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶע שִׁיעוּר, יֶעדֶע בְּרִיוו, יֶעדֶע גִלְיוֹן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פַאר לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אוּנְזֶער קִינְד פוּן צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, וָואס לֶעצְטְנְס מַאכְט זִיךְ יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אוּן עֶר ווִיל עֶנְדֶערְשׁ דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ נַאשׁ, אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט - הֵייבְּט עֶר אָן וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן מִיט קוֹלוֹת.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוּנְז גֶעבְּן דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים, וָואס מִיר דַארְפְן צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס שְׁטֵייט** (מִשְׁלֵי כט, יז)**: ״יַסֵּר בִּנְךָ״, שְׁטְרָאף דַיין זוּן, ״וִינִיחֶךָ״, וֶועט עֶר דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת, ״וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים לְנַפְשֶׁךָ״, עֶר וֶועט דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן גוּט.**

אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד צוּ גֵיין שְׁלָאפְן און עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, אָדֶער עֶר בֶּעט אַ נַאשׁ און דִי עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט צוּ גֶעבְּן יֶעצְט און דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן פַארְפִירְן - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן און פַארְלוֹירְן, נָאר מֶען בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט וָואס מֶען הָאט גֶעזָאגְט. מֶען לֶערְנְט אוֹיס צוּ פָאלְגְן בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן מְחוּנָךְ צוּ פָאלְגְן און צוּ וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען וִויל - בַּאקוּמְט מֶען.

הָעִקָּר אִיז תְּפִלָּה, בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג און גֶעזוּנְט. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דִי נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן וֶוען מַיין מַאן שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אַלֶע סָארְט נִישְׁט אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל 'גוֹלֶם' 'שׁוֹטֶה' און דָאס גְלַייכְן, און וִויפִיל אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים אַז נָאר דִי וֶוערְטֶער זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן - הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, עֶר רֶעגְט זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיף, און דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.

עֶס אִיז פָּשׁוּט גֶעפֶערְלִיךְ דֶער מַצָּב, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְן אַן עֵצָה וִוי שְׁנֶעלֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר וִוִיכְטִיג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט ׳מְחַנֵךְ זַיין׳ מֵיינְט דָאס נִישְׁט אֵיינְמָאל זָאגְן, דָאס מֵיינְט זָאגְן אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן מְחוּנָךְ; מֶען דַארְף זָאגְן אוּן זָאגְן, אוּן אַמָאל זָאגְט מֶען שְׁטְרֶענְגֶער, אַמָאל וֵוייכֶער, אַמָאל בַּאלוֹינְט מֶען אוּן אַמָאל בַּאשְׁטְרָאפְט מֶען; אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס מִיט חִינוּךְ.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל, נִישְׁט נִיצְן דִי וֶוערְטֶער ווִי ׳גוֹלָם׳, ׳שׁוֹטֶה׳, ׳מְשׁוּגֶע׳נֶער׳ וְכוּ׳, מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן רֶעדְן אֵיידְל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (פְּסָחִים ג:), מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַ כֹּהֵן רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס אִיז מִיט זַיין יִחוּס, מֶען הָאט בּוֹדֵק גֶעוֶוען אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין כָּשֵׁר׳עֶר כֹּהֵן, אוּן אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהֶערְט ווִי צְוֵויי פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים שְׁמוּעֶסְן, אֵיינֶער הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אֵיידְל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ דַיָּין״, נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה, רַב הָאט גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים רֶעדְן נִישְׁט אַזוֹי אֵיידְל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט ווִי אַן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע דָבָר אַחֵר״, אוּן רַב הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים פַאר גַאנְצֶע דְרַייסִיג טֶעג; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, אוּן זִיכֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען רֶעדְט אֵיידְל - אִיז מֶען הֵיילִיג, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁפְּרַאךְ לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; נִישְׁטָא קֵיין מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער אִין דִי שְׁפְּרַאךְ, אַלֶעס אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין, אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער לְשׁוֹנוֹת וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר נִישְׁט זַיין קֵיין נַאר אוּן גִיסְן אוֹיל צוּם פֵייעֶר, אִים מֶער אוֹיפְרֶעגְן; אַ מַאן אִיז מֶען מְכַבֵּד, נִישְׁט מְחַנֵךְ, אַ מַאן בּוֹיט מֶען אוֹיף.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## פַארְפַאסְט מִנְחָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**טַייעֶרֶער ... בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַז דוּ פַארְפַאסְט אַסַאךְ מָאל דַאוְונֶען מִנְחָה; אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַלֶעס טוּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ, אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן דַאוְונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת; דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ פַּארְלֵייגְן - אִיז אוֹיף דַאוְונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח.), אַז מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן גֵייעֶן אַרוֹיף דִי תְּפִלּוֹת, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז מֶען דַאוְונְט בְּיְחִידוּת דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען דוּרְךְ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוער עֶר אִיז, אוֹיבּ אִיז עֶר וֶוערְד אַז זַיינֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ז:), וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוְונְט; זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן.

זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם וַוייל דָאס אִיז וָואס הַאלְט אַ אִיד עֶר זָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל אִיז שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת הַאלְט דֶעם אִיד עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת; דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט וָואס מֶען קֶען דַאוְונֶען - דַארְף מֶען דַאוְונֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא), וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף

אִינְדֶערְפְרִי - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ שַׁחֲרִית, אוּן נָאכְמִיטָאג - וִוי נָאר מֶען קֶען דַאוֶונֶען מִנְחָה - דַארְף מֶען גֵיין דַאוֶונֶען, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ קֶען מֶען חָלִילָה פַארְפַאסְן אַ תְּפִלָּה וָואס אִיז מְעֻוָּת לֹא יָכוֹל לִתְקֹן (בְּרָכוֹת כו.; שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן קח, סְעִיף ז).

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער אִיד דַארְף מֶען טוּן עֶפֶּעס דֶערְהוֹיבֶּענֶע זַאכְן, מֶען זוּכְט עֲבוֹדוֹת פוּן מַלְאָכִים, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נָאר דוּרְךְ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אִין אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן וִוי פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן, זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דוּרְךְ דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶונֶען לֵייג אִיךְ אַוֶועק אִין דֶער זַייט אַלֶע הוֹיכֶע כַּוָּנוֹת, אִיךְ דַאוֶוען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶוענְט אִין חֵדֶר מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וַוייל דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, שְׁטַארְק זִיךְ אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְן קֵיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין טָעוּתִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט:

"פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת, אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת"; וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בּוֹי צוּרִיק דַיין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וֵוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ דָאס אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דִיר; שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר וָואס עֶנְק לֶעבְּן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם. אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיף דִי אוֹפָּן וָואס דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט מִיט אִיר אַלֶע יָארְן בִּיז אַהֶער, אַז זִי אִיז דַיין הִיטֶער, זִי הִיט דִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מַאן רֶעדְט צוּ דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז רֶבִּי חִיָיא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב (יְבָמוֹת סג): "דַיֵינוּ שֶׁמַצִילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מַיין וַוייבּ אִיז מַיין הִיטֶער, זִי הִיט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד, זַיין שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד - רַב, אָבֶּער דָאס זָאגְט מֶען נִישְׁט פַאר דִי וַוייבּ; דָאס אִיז אַ

לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ דִי וַוייבּ שְׁרֵייט, אֲפִילוּ דִי וַוייבּ אִיז מְזַלְזֵל - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נָאר אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער נִישְׁט דָאס צוּ זָאגְן טָאג אוּן נַאכְט פַּאר דִי וַוייבּ, דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין אַז מֶען זָאל פַאַרְלִירְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת; וֶוען דַיין וַוייבּ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט נָאר פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, אוּן דוּ דַארְפְסְט אִיר נָאר פַּאר דִיר, נָאר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בּוֹי צוּרִיק דַיין שְׁטוּבּ, בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט דַיין וַוייבּ, זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת. אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין, זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פֶעלְד שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וִויל פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ וִויל צוּרִיק מַיין זִיווּג״; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), דוּרְךְ פְּגַם הַבְּרִית פַּארְלִירְט מֶען דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְכְן פַּארְרֶעכְטְן, דוּרְךְ תְּשׁוּבָה טוּן - בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דִי וַוייבּ. אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין תִּיקוּנִים (תִּיקּוּן יד, דַּף ל:): ״וְעִם כָּל דָא אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא, עֲלֵיהּ אִתְּמַר (יְשַׁעְיָה ו, י) ׳וָשָׁב וְרָפָא לוֹ׳, וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ, דְּאִתְּמַר בָּהּ (מִשְׁלֵי ג, ח) ׳רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ׳״, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק דִי זִיווּג, דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט צוּרִיק גוּט.

רֶעד נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ פוּן דֶעם מֶער, מִיט אִיר רֶעד פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ וִוי אַזוֹי זִי שְׁפִּירְט זִיךְ אוּן וִוי אַזוֹי אִיר טָאג אִיז אַרִיבֶּער, בֶּעט אִיר נִישְׁט וְכוּ׳, דוּ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דֶעם, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵק זַיין, וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל חָרוּב גֵיין, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן פַארְוָואגְלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן פוּן אִינֶעוֵוייניג דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר פָּאלְגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז אִיר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן חוֹל הַמּוֹעֵד וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַייךְ גֶעזָאגְט אַז חוֹל הַמּוֹעֵד שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוֶוער, אִיר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו צוּ ווִיסְן וָואס זִיךְ צוּ מְקַבֵּל זַיין פַאר אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס טָאג - דָאךְ הָאט אִיר גֶעטוּן וָואס דִי הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקמה, סְעִיף א).

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס טָאג, יֶעדֶע מָאל אִיר דַארְפְט זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר - דָאס צוּ זָאגְן פוּן אִינֶעוֵוייניג. בֶּעטְס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוֹיבּ מֶען קֶען לֵייגְן בַּיי דִי סִינְק נֶעבְּן דִי בֵּית הַכִּסֵּא אַן ׳אֲשֶׁר יָצַר טָאוְול׳, אוּן יֶעדֶעס מָאל נָאכְן אַרוֹיסְגֵיין - זָאלְט אִיר זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט מִיט אַ טֶעפְּל אוּן זָאגְן דִי בְּרָכָה אַריינְקוּקְנְדִיג אִין דִי אוֹתִיּוֹת.

עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר זַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה, ״זָאג דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר מִיט כַּוָונָה״ - הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט; זֶעט מֶען אַז זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן אִינֶעוֵוייניג, וָואס אִיז מְעוֹרֵר דִי כַּוָונָה - אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אִיר זֶענְט אַ ״בֵּית פֵיגָא״ תַּלְמִידָה, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוייטוּן אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אַלְץ זָאלְט אִיר שְׁפִּילְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט מִיט זֵיי שְׁפִּילְן; קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיף דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, מִיט זֵיי זָאלְט אִיר שְׁפִּילְן, מִיט זֵיי זָאלְט אִיר רֶעדְן; דָאס וֶועט מַאכְן מֶען זָאל פוּן הִימְל אוֹיף אַייךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן אַייךְ גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס.

...

## תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

אִיךְ פָאר יֶעדְן טָאג אַהִין און צוּרִיק פוּן מָאנְסִי קַיין מָאנְרֶא, דַארְף אִיךְ זָאגְן: "תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ" מִיט דִי בְּרָכָה אוֹיף בֵּיידֶע װֶועגְן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

**יָא.**

...

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דֶערְלַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט פֶּסַח אַז עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ צוּ קֶענֶען דֶערְלַיידְן דִי מֶענְטְשְׁן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וְכוּ', און הַיינְט וְכוּ'.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דֶערְלַיידְן יֶעדְן אֵיינֶעם, דוּ זָאלְסְט יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּ קְרִיגְן, און לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה; וַוייל אִין דִי טֶעג זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען זֶה לָזֶה (יְבָמוֹת סב:); אִיז יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה אַ צַייט דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין; זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סא, ג), פַארְוָואס זֶענֶען אַלֶע תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה? "שֶׁהָיְתָה עֵינָם צָרָה אֵלּוּ בְּאֵלּוּ", וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; דָאס זִיךְ קְרִיגְן און דָאס נִישְׁט קֶענֶען דֶערְלַיידְן אַנְדֶערֶע - קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, וַוייל אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר גֶעבְּט אַלֶעס - דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי קִנְאָה און מֶען הֵייבְּט אָן פַיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן,

אָבֶער אַז מֶען חַזֶר׳ט דִי אֱמוּנָה, מֶען גֶעדֶענְקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר פִירְט אַלֶעס - פַאלְט אַוֶועק אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיין, אַלֶעס וָואס מֶען הָאט - אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז מֶער נִישְׁטָא קֵיין קִנְאָה אוּן קֵיין שִׂנְאָה.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה אִיז דִי צַייט צוּ פַארֶערְכְטְן דֶעם פְּגַם; דוּרְךְ זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי אַנְדֶערֶע, דוּרְךְ טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דִי מַחֲלֹקֶת אִיז אַ מִצְוָה זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי סָארְט מִצְווֹת, וַוייל דִי סָארְט מִצְווֹת מַאכְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה ל, יז): ״אֵין טוֹב יוֹצֵא מִמְּרִיבָה״, גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מַחֲלֹקֶת, נָאר צָרוֹת קוּמְט פוּן מַחֲלֹקֶת, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת.

טַייעֶרֶער ..., יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת פַאר דֶעם פְּרַט, אַז דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן זַיי מַזְכִּיר דִי נֶעמֶען פוּן דִי וָואס מַאכְן דִיךְ גָאר אַסַאךְ נֶערְוֶועז, וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי לִיבּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ קְלֵיין קִינְד שַׁבָּת אִין שׁוּל, דוּ זָאגְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אוּן דִי שְׁטֶעטְל, אוּן אִין שׁוּל בַּיי דִי גַאס פוּן יְרוּשָׁלַיִם מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת מַאכְסְטוּ אַ קוּפְקֶע, זִינְגְסְט נִישְׁט קֵיין זְמִירוֹת,

וֶוען דִי גַבָּאִים לֶערְנֶען פָאר - שְׁמוּעֶסְטוּ, און אַז דֶער גַבְּאַי קְלַאפְּט אוֹיס יַעֲלֶה וְיָבוֹא הֵייבְּסְטוּ אָן קְלַאפְּן ווִי אַ קְלֵיין קִינְד, ווִי אַ קִינְדֶערְגַארְטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, הֶעלְף מִיר בוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, הֶעלְף מִיר אִין שׁוּל, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ אִין שׁוּל, מַאךְ נִישְׁט חָרוּב מַיין הָארֶעוַואנְיֶע.

אִיךְ וֵוייס פִּינְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אִין יֶעדֶע שׁוּל וָואס טְרָאגְט מַיין נָאמֶען, וֶוער עֶס הֶעלְפְט און וֶוער עֶס שְׁטֶערְט. אִיךְ ווִיל דִיךְ זֶעעֶן צְווִישְׁן דִי וָואס הֶעלְפְן; דוּ הָאסְט מִיר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר הֶעלְף מִיר וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לְצֹרֶךְ פַּרְנָסָה? זוּךְ אַן אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

חַס וְשָׁלוֹם דוּ זָאלְסְט קוֹיפְן אַ טֶעבְּלֶעט אָדֶער אַ טֶעלֶעפָאן פַאר דִי אַרְבֶּעט; אַז דַיין בַּעַל הַבַּיִת וֶועט דִיר הֵייסְן קוּמֶען אַרְבֶּעטְן שַׁבָּת - וֶועסְטוּ דֶען גֵיין? אַזוֹי זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן און טֶעבְּלֶעט; זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ גֶעבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶעם בֵּייג פוּן אִידִישְׁקֵייט פַאר דִי פַּרְנָסָה.

אָדֶער בְּלַייבּ מִיט דַיין אַלְטֶע כָּשֵׁר'ֶע טֶעלֶעפָאן אָדֶער גֵיי שׁוֹין זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

וֶועסְטוּ מִיר פָאלְגְן - וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֲפָצָה רַאטֶעוֶועט דָאס לַאנְד פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְ׳ס ווִי עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזִי״ קוּם אוּן זֶע, ״כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״ אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא״ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; ״גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״ עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״ אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״ קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״ עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת אִין גַאנְץ לָאנְדָאן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ רַאטֶעוֶוען דִי לַאנְד פוּן אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְּאוּלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְן אַ לֶענְגֶערֶע וֶועג וָואס אִיז רֵיין?

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי זְכִיָ' צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער יֶעדְן טָאג אִין חֵדֶר אוּן זֵיי צוּרִיק אַהֵיימְטְרָאגְן נָאךְ חֵדֶר. אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים זֶענֶען דִי וֶועגְן גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעלֵייגְט מִיט טְרֶעפִיק, אוּן דֶערִיבֶּער גֶעבְּט מִיר דֶער מַאשִׁין אַ קוּרְצֶערֶע וֶועג, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע וֶועג פָּארְט דוּרְךְ פְּרֵייעֶ גַאסְן וָואס אִיז פוּל מִיט פְּרִיצוּת, אָבֶּער דֶער וֶועג נֶעמְט מִיט צֶען מִינוּט שְׁנֶעלֶער אָדֶער נָאךְ מֶער.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ פָּארְן דֶעם וֶועג, צוּ אֶפְשָׁר מַכְשִׁיל זַיין מִיר אוּן דִי קִינְדֶער מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, נָאר עֶנְדֶערְשׁ פָּארְן אוֹיפְן גֶעהֶערִיגְן וֶועג כָאטְשׁ עֶס נֶעמְט לֶענְגֶער, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער פַארְוָואס אִיךְ פָאר דִי לֶענְגֶערֶע וֶועג, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ אָבֶּער אַז אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ יָא נָאכְגֵיין דִי אַנְדֶערֶע וֶועג, אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַז עֶס נֶעמְט מִיר צוּ אַ נִישְׁט רֵיינֶע גַאס, זָאל אִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר מִיר צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

אַזוֹי ווִי אִיךְ פִיר קְלֵיינֶע רֵיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, שְׁפִּיר אִיךְ אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיךְ רִיכְטִיג צוּ טוּן, זָאל אִיךְ פָארְן נָאר אוֹיפְן גְלַייכְן רֵיינֶעם וֶועג וָואס נֶעמְט לֶענְגֶער, אָדֶער פָארְן דִי קוּרְצֶערֶע וֶועג אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

**וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? אַוַדַאי פָארְן דוּרְךְ דִי רֵיינֶע וֶועג.**

...

## לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם צֶעבְּרֶעכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, דַיין הַארְץ.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ אִין מַיין נָאמֶען אַז אִיךְ וָואלְט פַארְמַאכְט דִי מוֹסְדוֹת אִין טְבֶרְיָ' וְכוּ' וְכוּ'; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דִי מוֹסְדוֹת בַּיי עֶנְק, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיסֶע פַארְגֶענִיגְן פוּן דִי חִינוּךְ בַּיי עֶנְק.

פוּן הַיינְט אִין וַוייטֶער וֶוען אֵיינֶער קוּמְט דִיר עֶפֶּעס זָאגְן בִּשְׁמִי, אִין מַיין נָאמֶען - זָאלְסְטוּ טוּן אַזוֹי: אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען, אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס דוּ וֶועסְט צֶעבְּרָאכְן - זָאלְסְטוּ דָאס בּוֹדֵק זַיין, דוּ קֶענְסְט מִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעגְן; קֶענְסְט מִיר שְׁרַייבְּן, אָדֶער רוּפְן, אָדֶער שִׁיקְן אַ שְׁלִיחוּת מִיט אֵיינֶעם וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה זָאל אָנְפְרֶעגְן; לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם צֶעבְּרֶעכְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דִי חֵדֶר אִין טְבֶרְיָ' אוּן מִיט דִי בֵּית פֵּיגָא, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הַארְץ אוּן מִיט דַיין נְשָׁמָה, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם, מִידוֹת טוֹבוֹת; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן קְדוּשָׁה, זֵיי זָאלְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער מַאן גֶעבְּט נִישְׁט מַעֲשֵׂר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאכְאַמָאל זָאגְן, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מַעֲשֵׂר הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ, דָאס אִיז אַייעֶר מַאן'ס גֶעשֶׁעפְט; אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין דֶעם, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין צִי אַייעֶר מַאן גֶעבְּט יָא מַעֲשֵׂר אָדֶער נִישְׁט.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט וִוי קֶען אַרַיינְקוּמֶען אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין מַעֲשֵׂר? אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט זַיין אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט): "כִּי עִקַּר

הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", אַז דִי פְרוֹי - זִי אִיז מְזַכֶּה דִי שְׁטוּב מִיט שֶׁפַע; דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ קוּקְן גוּט אוֹיפְן מַאן, דוּרְךְ זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**כֹּחַ, פְּלָאג, אוּן קִישְׁקֶעס, פַאר עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי מְלַמְּדִים בַּיי דִיר אִין חֵדֶר, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר אִיז מַצְלִיחַ נָאר וַוייל עֶר הָאט אַזַא גוּטֶע מְנַהֵל וִוי דִיר, עֶר זָאגְט מִיר אַז דוּ הָאסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ פַארֶעכְטְ אוּן דוּ בֶּעסֶערְסְט אוֹיס דִי מְלַמְּדִים מִיט זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג, דָאס אִיז אַ חָכְמָה, צוּ קֶענֶען זָאגְן מוּסָר אוּן מַאכְן דֶעם מְלַמֵּד גוּט פִילְן, נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין זַיין כָּבוֹד. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרִיסְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי פְּרַט וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי מְלַמְּדִים, זֵיי צוּ הֵייבְן, זֵיי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי מִשְׁפָּחָה ... וָואס ווִילְן נֶעמֶען זֵייעֶר קִינְד צוּ טֶערָאפִּי; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּ טֶערָאפִּי, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט קֶעגְנְשְׁטֶעלְן עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן נֶעמֶען זֵייעֶר קִינְד זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן וְכוּ'; עֶלְטֶערְן זֶענֶען דָאךְ עֶלְטֶערְן, אוּן אַז זֵיי שְׁפִּירְן אַז זֵיי ווִילְן הֶעלְפְן דָאס קִינְד מִיט טֶערָאפִּי - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט וִוי ... רֶעדְט זִיךְ אָפּ אִין שׁוּל אוֹיפְן מְלַמֵּד פוּן כִּתָּה ...; אִיךְ עֵצָה דִיר אִים צוּ רוּפְן אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס גֵייט פָאר, אוּן אִים זָאגְן דֶעם אֱמֶת. דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין עֶלְטֶערְן, דִי בִּיסְט דָאךְ אוֹיךְ אַ טַאטֶע פוּן קִינְדֶער, אוּן אַז דַיין קִינְד וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וְכוּ', אַהֵיים קוּמֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְשֶׁעמְט - וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט; דָאס אִיז דָאךְ דִי נַאטוּר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט,

אַז עֶלְטֶערְן ווילְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר קִינְדֶער. שְׁמוּעֶס מִיט אִים, הֶער אִים אוֹיס אוּן פַארְרֶעכְט וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס עֶר צוּרֶעדְט זִיךְ אִין שׁוּל וְכוּ'; לָאז אָפּ, מַאךְ נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דֶערְפוּן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט הֶעצְן, דָאס אִיז דֶער מַהוּת וְכוּ', אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס קֶענֶען זִיךְ הַאלְטְן דָאס מוֹיל אוּן גֵיין צוּם מְנַהֵל, צוּם מְלַמֵּד; נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן דָאס מוֹיל, אוּן זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט, זֵיי רוּפְן נִישְׁט; דָארְט דַארְף דֶער מְנַהֵל, דֶער מְלַמֵּד - גֵיין צוּ זֵיי.

אַשְׁרֵינוּ אַז אוּנְזֶער כֹּחַ אוּן פְּלָאג, אוּנְזֶערֶע קִישְׁקֶעס - גֵייעֶן אַוֶועק פַאר אוֹיפְבְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווילְסְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן? גֵיי, גֵיי, גֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז דִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם צֶעבְּרֶעכְן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר קוּמֶען זָאגְן זַאכְן אִין מַיין נָאמֶען אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דִיר וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, זָאלְסְט זָאגְן: גֵיי, גֵיי, גֵיי; אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אוֹיפְוַוייזְן קְלָאר, שְׁוַוארְץ אוֹיף וַוייס אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא), ווִי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען ווִי עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד. אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן הֵייבְּט אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִירְסְטוּ זִיךְ אוֹיף?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע

זַיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער און פון דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זיך נִישְׁט פון תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און פון די הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק און יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זיך עֶנְדִיגְן און דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פון דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, און דָארְט וואו דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זיך דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", רוּפְט זיך דֶער רֶבִּי אָן און זָאגְט אִים: "מֵאַחַר שֶׁהוּא כֵּן, שֶׁאֲנִי מְגֹרָשׁ כָּזֶה, יִהְיֶה לִי עוֹלָם הַבָּא", אוֹיבּ אִיז יָא אַזוֹי, אַז אִיךְ לַייד אַזוֹיפִיל - וֶועל אִיךְ כָאטְשִׁיג הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט, רוּפְט זיך אָן דִי נְשָׁמָה און זָאגְט, דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "אֲפִילוּ בְּגֵיהִנּוֹם לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנוֹם וֶועסְטוּ זיך מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֵךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, "הָיִיתִי סוֹבֵר שֶׁתְּנַחֲמוּ אוֹתִי", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, "וּתְדַבְּרוּ עַל לִבִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, "עַכְשָׁו אַתֶּם עוֹשִׂים לִי יִסּוּרִים לְכוּ לָכֶם", יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יְסוּרִים - גֵיי אַוֶועק.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי חָלוֹם, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פון קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ פון נְשָׁמוֹת, אֲפִילוּ פון מַלְאָכִים און אוֹיךְ נִישְׁט פון צַדִּיקִים. אַז מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת דַארְף מֶען טוּן וָואס שְׁטֵייט בַּיי דָּוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א ל, ו): "וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּה' אֱלֹקָיו", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זיך גֶעשְׁטַארְקְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס אֵייגֶענֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען; וואו הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן? אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי פְרֵיילִיךְ, און אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זיך נַארִישׁ מַאכְן בִּיז דוּ וֶוערְסְט פְרֵיילִיךְ; לַאךְ, טַאנְץ, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ. ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצג): "וְכָל עִקַּר הִתְרַחֲקוּת כָּל אָדָם מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הִיא

רַק מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה", דֶער עִיקָר זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק מֶענְטְשְׁן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס עַצְבוּת, דָאס זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶעם סוֹד בַּיי דִי אַכְט יָאר אַלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט לִיבּ דִי חֵדֶר, דוּ הָאסְט לִיבּ דַיינֶע מְלַמְדִים, אִיךְ בִּין אִיבֶּער גֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; פַאר מִיר אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד, צוּ הֶערְן פוּן אַ קִינְד וָואס וֶוערְט דִי וָואךְ אַכְט יָאר אוּן הָאט אַזַא שֵׂכֶל וָואס אַלְטֶע אִידְן פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאבְּן נִישְׁט, פוּן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט דִי סוֹד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְזָאגְן פַאר אַלֶעמֶען, אַז מֶען קֶען רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען קֶען אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוּן אִים אוֹיסְזָאגְן אַלֶע וֵוייטָאג.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג, דוּ וֶוערְסְט דִי וָואךְ אַכְט יָאר; נֶעם זִיךְ פָאר וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נִישְׁט אַרוֹיס צוּ קוּקְן פוּן סִידוּר, וַוייל אוֹיבּ מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן סִידוּר בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין, וֶוען מֶען וֶועט נִפְטָר וֶוערְן - צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט אַרוֹיס פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה - וֶועט מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי שְׁכִינָה.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֶעבּ זֵיי אַ גְרִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג פָארְן קַיין אוּמַאן?

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט דִי טְשַׁארְטֶער, אָדֶער דוּרְךְ אַן אַלְגֶעמֵיינֶע וֶועג?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

דֶער עִיקָר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט תְּמִימוּת.

...

## מַיין נִישְׁט אַז יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע, מֵיין נִישְׁט אַז יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער, נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין. מוֹהֲרַנַ"תְּ הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אֵיינֶעם מְקַנֵּא זַיין - אִיז דָאס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן וֶוער עֶס אִיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, מֶען אִיז מְקַנֵּא דִי זַאךְ פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר דָאס אִיז גוּט צוּ מְקַנֵּא זַיין, אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז נִישְׁטָא, נִישְׁטָא קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט), אֶפְשָׁר אוֹיבְן אִיז דָא אַן עוֹלָם וָואס רוּפְט זִיךְ עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז נִישְׁטָא קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דָא דֶער גֵיהִנּוֹם אוּן דֶער גַן עֵדֶן; אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְן מִיט צַדִּיקִים, מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, מֶען לֶעבְּט מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה, מִיט אֱמוּנָה - אִיז מֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען אִין גֵיהִנּוֹם.

אוֹיךְ אִין שְׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דַיין חַבֵר, דַיין שָׁכֵן - הָאט בֶּעסֶער וְכוּ', דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער בַּעַל הַדִּמְיוֹן - דֶער יֵצֶר הָרָע - מַאכְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.), דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה), הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין אַ נֵייעֶם נָאמֶען, "דִמְיוֹן"; עֶר מַאכְט צֶעדְרֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי כֹּחַ הַמְדַמֶּה, עֶר נֶעמְט אַוֶועק דִי חֵן פוּן שְׁטוּבּ אוּן לֵייגְט עֶס אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעפִּיל אִין שְׁטוּב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ בֶּעט דִיר, אַז דַיין וַוייבּ הָאט פַארְלוֹירְן אִיר חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְהֵייבְּן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט דִיךְ מְשׁוּגָע מִיט דִי דִמְיוֹנוֹת אַז אַנְדֶערֶע הָאבְּן בֶּעסֶערְס, אַנְדֶערֶע הָאבְּן שֶׁענֶערְס; וָואס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת.

אַז דוּ בִּיסְט פַארְקְלֶעבְּט אִין קוּקְן מָאוִויס וְכוּ׳ אִיז דַיין עֵצָה אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. וֶוער עֶס אִיז אַריינְגֶעפַאלְן אִין מָאוִויס, אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען פוּן דֶעם אָפְּלָאזְן, נָאר מִיט דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה הָאט מֶען דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֶוערְן צוּרִיק נָארְמַאל; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"ש הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט אַז דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְלוּפְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פוּן דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה ווִיפִיל חִיזוּק אַ פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער - דַארְף הָאבְּן; לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט אַז דִי נַאכְט וָואס דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן אוּן צוּ הֶערְן חִיזוּק אוֹיף זַיין אַ מַאמֶע מִיט אַ וַוייבּ - זָאל דַיין וַוייבּ קֶענֶען גֵיין.

אוֹיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵפִיץ זָאלְסְטוּ זַיין אַ חָכָם צוּ ווִיסְן וֶוען צוּ גֵיין הֲפָצָה אוּן וֶוען צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל בַּאקוּמֶען אִירֶע כֹּחוֹת, אִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען; זָאלְסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ צוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים סְתַּם צוּ זוּכְן צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְרֶעגְט אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶערוּפְן פוּן ..., זֵיי ווִילְן בְּרֶענְגֶען אַ מָאבִּיל מִיט דָאקְטוֹירִים אִין שְׁטֶעטְל בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בּוֹדֵק זַיין אַלֶעמֶען אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעזוּנְט, אוֹיבּ מֶען הָאט צוּקֶער, אוֹיבּ דִי הַארְץ אִיז גוּט וְכוּ׳; אִיר וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס מוֹהֲרַאַ״שׁ הַאלְט, מוֹהֲרַאַ״שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט גֵיין צוּם דָאקְטֶער פַאר זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן, מוֹהֲרַאַ״שׁ

זָאגְט, עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים 'אַז מֶען זוּכְט – טְרֶעפְט מֶען', דֶערִיבֶּער זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין זִיךְ בּוֹדֵק זַיין, מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער נָאר וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט.

זָאגְט פַּאר ..., אַז אוֹיב זֵיי נוֹיטִיגְן זִיךְ אִין גֶעלְט – קֶען מֶען מַאכְן אַן אַפִּיל בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל זֵיי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן, אָבֶּער בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן קוּמֶען זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן מִיט אַ מָאבִּיל בַּיים שׁוּל סְקְרִינֶען דִי מֶענְטְשְׁן; בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען דָאס נִישְׁט.

יֶעצְט הָאבְן זֵיי גֶענוּמֶען דִי בַּאקַאנְטֶע מַארְקֶעטִינְג קָאמְפֶּענִי ... אוּן מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט אַלֶעמֶען אַז אַלֶע מוּזְן עַל פִּי תּוֹרָה זִיךְ סְקְרִינֶען, מֶען מוּז גֵיין צוּם דָאקְטֶער, אוּן אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זִיךְ פִּירְן לוֹיט דִי מַארְקֶעטִינְג כַּצֹּאן בְּלִי רוֹעֶה, בְּשָׁעַת אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְן קְלָאר גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיין דָאקְטוֹירִים סְתָּם זוּכְן צָרוֹת, וְעַל כּוּלָם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים מַלְאָךְ הַמָּוֶת וְכוּ'.

(עֶס אִיז אָבֶּער וִויכְטִיג צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס וֶוערְט מֶער אוּן מֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה מִשְׁפָּחוֹת וָואס וֶוערְן פַּארְפִירְט פוּן דִי פַּארְדְרֵייטֶע שִׁיטָה וָואס לָאזְן נִישְׁט גֶעבְּן שַׁאטְס, עֶס זֶענֶען דָא בַּיי אוּנְז וָואס הֶעצְן אוֹיף יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי אַז כְּאִילוּ דִי שַׁאטְס זֶענֶען דָאס וָואס בְּרֶענְגֶען אַלֶע צָרוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז טַאטֶע מַאמֶע וָואס גֶעבְּן נִישְׁט קֵיין שַׁאטְס – זֶענֶען רוֹצְחִים).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר דִי וַוייבּ אַן אֵייזְקְרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר שַׁמָּשׁ אִין שְׁטֶעטְל שׁוּל; אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר גוּטֶע גְרִיסְן וִוי שֵׁיין דוּ בַּאגֵייסְט זִיךְ מִיט דִי מִתְפַּלְּלִים.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פַארְעֶכְטְן דִי אֵייזְקְרִים מַאשִׁין אוּן דָאס לֵייגְן אִין פָּאלִישׁ, אוּן דָאס אָנְפִילְן מִיט גוּטֶע אֵייזְקְרִים; וַוייל אִין שְׁטֶעטְל אַז אַ אִינְגֶערְמַאן ווִיל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר דִי וַוייבּ אַ גוּטֶע אֵייזְקְרִים, אַז עֶר דַארְף פָארְן בִּיזְן גְרָאסֶערִי אוּן צוּרִיק - אִיז שׁוֹין אַ גַאנְצֶע מְהַלֵּךְ, אוּן אַז עֶס וֶועט זַיין אִין שׁוּל קֶען מֶען נָאךְ מִנְחָה מַעֲרִיב אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר דִי וַוייבּ אַן אֵייזְקְרִים, עֶס קֶען אוֹיפְלֶעבְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב, אוֹיפְלֶעבְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת; וַוייל אַז דִי וַוייבּ אִיז אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים, זִי זֶעט עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן אִיר, עֶר הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַן אֵייזְקְרִים - לֶעבְּט עֶס אוֹיף דִי שְׁטוּב.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן דִיר אִין שׁוּל, אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶועט דִי בּוֹיךְ וֵויי אַוֶועק גֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, דוּ הָאסְט בּוֹיךְ וֵוייטָאג; אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עירובין נד.): "חָשׁ בְּמֵעָיו", וֶוער עֶס הָאט בּוֹיךְ וֵויי, "יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה; אַנְשְׁטָאט בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי בּוֹיךְ

וֵוייטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אִין חֵדֶר אוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא - וֶועט דִי בּוֹיךְ וֵויי אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ הָאב דִיךְ זֵייעֶר לִיב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דִי וַוייבּ הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ פַארְטְרַייבְּן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם פוּן שְׁטוּבּ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִיר דִי מַעֲלוֹת, אוּן אַז זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִין דַיינֶע אוֹיגְן דִי חֵן - אִיז דָאס דַיין פְּרָאבְּלֶעם, דוּ דַארְפְסְט גֵיין וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת מִיט וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, וַוייל אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי חֵן פוּן שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, הֶער אִיר אוֹיס, אוּן אַז זִי הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין מַחֲלֹקֶת. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע פוּן נָאדְבוֹרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער רֶעדְן צוּ אִים שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן כָּבוֹד, אוּן נָאכְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן, וֶוען זִי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקֶלְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי רֶעבִּיצִין אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: ״דַיין מַאמֶע אִיז דָא גֶעוֶוען, וָואס הָאט זִי גֶעוָואלְט? דַיין מַאמֶע אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ בִּיטֶערֶע, אִיךְ בִּין אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אִיר״, זִי הָאט

גֶעשְׁרִיגְן און גֶעשְׁרִיגְן; ווידֶער הָאט איר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אויסְגֶעהֶערְט און גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ, און וֶוען זִי אִיז אַרויס פון צִימֶער הָאט עֶר גֶענומֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אויסְגֶעשָׁאקְלְט און זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דֶער גַבְּאַי הָאט דָאס אַלֶעס אונְטֶערְגֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַאר דִי מַאמֶע גֶעבְּט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְט און פַאר דִי וַוייבּ גֶעבְּט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְט?" הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "דו בִּיסְט אויךְ גֶערֶעכְט..." אִים צו לֶערְנֶען דֶער טִיפֶער לִימוּד פון טון אַלֶעס אויף דֶער וֶועלְט אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין דִי נַייעֶ גֶעגְנְט אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ וִויל מְחַזֵק זַיין דִי מִשְׁפָּחוֹת דָארְט, און אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קומֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל בַּיי דִי גֶעגְנְט פון דִי גַאס יְרוּשָׁלַיִם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## גֶעשְׁנִיטְן דִי שֵׁייטְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיר הָאט מִיךְ מַמָּשׁ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אַז אִיר הָאט גֶעשְׁנִיטְן אַייעֶרֶע שֵׁייטְלֶעךְ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין לֶענְגֶער וִוי אַייעֶר אַקְסְל, נָאכְן הֶערְן בַּיי דִי פְרויעֶן צַאמְקוּם דִי שִׁיעוּר וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט וַוייזְן אויף דִי אַקְסְל, אַז דִי שֵׁייטְל זָאל נִישְׁט זַיין לֶענְגֶער וִוי דִי אַקְסְל; אִיר הָאט מִיךְ מַמָּשׁ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר וֶועט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן אויף דֶעם, וַוייל דִי לַאנְגֶע שֵׁייטְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט אֵיידְל.

קומֶענְדִיגֶע וָואךְ קומְט שׁוֹין דֶער גְרויסֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, מִיר גֶעפִינֶען אִין דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר (נָשֹׂא קכה:) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לויבְּט אויס אַ שְׁטוּב וָואס דִי פְרוי פִירְט זִיךְ אֵיידְל, און אויךְ פַארְקֶערְט, אויבּ

חַס וְשָׁלוֹם מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט בִּצְנִיעוּת קוּמְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, דֶערְפַאר אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז גוּט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין אֵיידְל, דִי שְׁטוּב זָאל זַיין אֵיידְל, נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם. וַוייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שַׁבָּת לג.), אַז אַלֶעס פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, עֶס אִיז נָאר אוּנְז אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּנְז פַארְשְׁלֶעפְּן אִין עֲבֵירוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן פַארְן אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳עֱנֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן לַאנְגֶע יָארְן אִין אַ הֵייל, דָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז אִידְן טָארְן נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי וֶועג ווִי דִי גוֹיִם פִירְן זִיךְ, אַ אִיד אִיז הֵיילִיג, אַ אִיד טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל, סְפֶּעצִיעֶל אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט קוּרְצֶער גֶעמַאכְט אַייעֶרֶע שֵׁייטְלֶעךְ, דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט מַתִּיר גֶעוֶוען אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי זָאל מֶעגְן גֵיין אַ שֵׁייטְל אִיז נָאר וַוייל פְרוֹיעֶן הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ פַארְדֶעקְן דִי קָאפּ וְכוּ׳, אָבֶּער דִי לַאנְגֶע שֵׁייטְלֶעךְ זֶענֶען נִישְׁט קֵיין צְנִיעוּת, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם; אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים, אֵיידֶעלֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שִׂמְחָה פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה מִיט אַ בְּרֶען, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ר׳ ... זָאגְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ פֵייעֶר פוּן אַ מֵפִיץ, הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן הֲפָצָה, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן.

יֶעצְט קוּמְט לַ"ג בָּעֹמֶר, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוּיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

וֶוען עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר זֶעט מֶען אַז אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, סַיי דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן אוּן סַיי דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן, אַלֶע שְׁפִּירְן אַ שִׂמְחָה אִין הַארְץ, דָאס אִיז וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קלח:), אַז עֶס גֵייט זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת פַאר אוּנְז אִידְן אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְזִינְקֶען אִין גָלוּת אַז דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זֵיי גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם שֶׁתִּשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל", עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לא, כא): "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז בִּזְכוּת

דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן די תּוֹרָה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי פָּסוּק פוּן וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ', וַוייל דִי לֶעצְטֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "כִּ"י ל'א תִשָּׁכַ'ח מִפִּ"י זַרְע'וֹ", אִיז דִי וָוארְט יוֹחָאִי; אַז פוּן דֶער קִינְד פוּן יוֹחָאִי - דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן - וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן.

דֶערְפַאר אִיז דִי שִׂמְחָה אִין דֶעם טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר אַ גָאר גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ; וַוייל דַיְקָא דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא, קכד:): "בְּהַאי חֲבוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר", מִיטְן זוֹהַר, "יִפְקוּן בֵּיהּ מִן גָּלוּתָא", וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת; פוּן וָואס פַאר אַ גָלוּת? דֶעם אֵייגֶענֶעם גָלוּת, דִי טוּנְקֶעלֶע גָלוּת פוּן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁטָא קֵיין עֶרְגֶערֶע גָלוּת וִוי דֶער וָואס פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר - בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֱלֹקוּת, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, נִישְׁטָא קֵיין מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע רִיר, אִין יֶעדֶע זַאךְ - אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר עֶפֶענֶען זִיךְ דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הַפָּצָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפט), אַז צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם זוֹהַר - פֶּעלְט אוֹיס דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה; אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט הֲפָּצָה - זָאלְסְטוּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט טַעְנָה'ן, גֵיי נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אִין וִיכּוּחִים, אַז אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ - גֶעב אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֵיי וַוייטֶער, אוּן זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר זַיין אַ כַּפָּרָה פַאר דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין מִיט הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דֶערְוַוייטְנְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

דִי יָאר זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף לַ״ג בָּעוֹמֶר מִכַּמָּה טַעֲמִים, דִיר וִויל אִיךְ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין מִירוֹן הֶעלְפְן מַיין טַאטֶע מַאמֶע אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען. נֶעם מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים בִּרְשׁוּת דֶעם מַגִיד שִׁיעוּר, אוּן הֶעלְף מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין אִין מִירוֹן - אָדֶער זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין קָאךְ, גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי הוּנְגֶערִיגֶע אִידְן, אָדֶער זָאלְסְטוּ גֵיין אִין דִי מְעָרָה מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן אוֹיךְ טַאנְצְן, וַוייל מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן דֶעם טָאג לַ״ג בָּעוֹמֶר, צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי טֵיילְט מַתָּנוֹת פַאר אַלֶע וָואס קוּמֶען, אוּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת וָואס דָארְט קוּמְט פָאר, וִוי אִידְן גִיסְן זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיט טַייכְן טְרֶערְן, מֶען וֵויינְט אוֹיף דִי טֶעג וָואס אִיז אַרִיבֶּער מִיט וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דִי גְרוֹיסֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען גֵייט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דָארְט קוּמְט פָאר, וִוי מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵייט זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט עֶפֶּעס אַ זִיסֶע לוֹיטֶערְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אַ גַאנְץ יָאר אִין קֵיין אַנְדֶערֶע פְּלַאץ; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען אִין מִירוֹן אֲפִילוּ נָאר פַאר אַפָּאר מִינוּט, זִיךְ בַּאוַוייזְן דֶעם פָּנִים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֵל׳ן אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. אַזוֹי וִוי צַדִיקִים זָאגְן, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ט.): ״כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת

הַדְּחַק", וֶוען אַ אִיד אִיז אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶר וֶוערְט צֶעקְוֶועטְשְׁט, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז אִים כְּדַאי צוּ קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן זִיךְ סוֹמֵךְ זַיין אַז אִין מִירוֹן פּוֹעֶל'ט מֶען אַ יְשׁוּעָה.

דִי יָאר וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין מִירוֹן; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין אִין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דֶערְוַוייטְנְס, אוֹיךְ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן קֶענֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא פוּן ווּאוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן זִיכֶער אַז מֶען לֶערְנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, מַאֲמָרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען לֶערְנְט זוֹהַר - בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ צוּם צַדִּיק אוּן מֶען בַּאקוּמְט אוֹיךְ מַתָּנוֹת פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת ווּאוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, דוּרְךְ זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם צַדִּיק.

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס רֶעדְן אֵיידְל, רֶעד נִישְׁט מִיט דִי וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אָדֶער כְּמוֹ נִיבּוּל פֶּה, הַאלְבְּוֶועגְס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זוּכְן נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן קוּקְן גוּט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן. דִי יָאר זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, דִי יָאר וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל לַ"ג בָּעֹמֶר. דוּ זָאלְסְט פָּארְן קַיין מִירוֹן, אוֹיךְ זָאלְן דִי בָּחוּרִים גֵיין קַיין מִירוֹן מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן אוֹיךְ טַאנְצְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; יֶעדֶער אֵיינֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ.

דער עיקר זאלסטו וויסן אז מען קען נאר מצליח זיין מיט תלמידים אז מען קוקט גוט, מען זוכט אויף דאס גוטס אין זיי, נישט פארברענען קיינעם, נישט קוקן שלעכט אויף קיינעם, ווייל דער גרויסער טאג ל"ג בעמר איז אזוי גרויס, אלע פרייען זיך, אלע פייערן דעם טאג מיט גרויס ליבשאפט; דאס איז ווייל דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט (סוכה מה:): "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", איך קען ריינוואשן יעדן איד און ווייזן פארן אייבערשטן אז קיינער איז נישט שלעכט, יעדער איז גוט, יעדער איז וואויל, און דאס וואס מען טוט עבירות איז נישט ווייל מען וויל טון שלעכטס, דאס קומט פון זיין שיכור פון אזויפיל צרות, מען האט ביטערע שווערע נסיונות, אבער יעדער איינער וויל זיין גוט; דאס האט דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי זוכה געווען, נאכן ארויסגיין פון די מערה, ווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי מיט זיין זון האבן פארברענט מענטשן מיט קוקן שלעכט; וואו זיי האבן געקוקט האבן זיי פארברענט, איז ארויס א בת קול פון הימל (שבת לג:): "גייט צוריק צו די מערה, איך וויל נישט ענק זאלן פארברענען מענטשן", און שפעטער נאך א יאר ווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז ארויס האט ער געזאגט פאר זיין זון רבי אלעזר: "געב א קוק ווי אידן האבן ליב מצוות, קוק דער איד נעמט צוויי הדסים לכבוד שבת איינס פאר זכור און איינס פאר שמור"; רבי שמעון בר יוחאי האט געזוכט ארויסצונעמען די פינטעלע גוטס אין יעדן איינעם.

דאס דארפן מיר זיך מקבל זיין אין דעם טאג ל"ג בעמר, קוקן גוט אויף זיך, קוקן גוט אויף יעדן איינעם און זיכער אויף די קינדער, ווי מען זעט נאר עפעס א פינטעלע גוטס; צום ביישפיל א איד קויפט עפעס לכבוד שבת זאגט מען שוין: "קוק ווי הייליג אידן זענען, מען קויפט איין גוטע זאכן לכבוד שבת", און אנטלויפן פון דער פרומער יצר הרע וואס פארברענט מענטשן מיט קוקן שלעכט, און מאכט אוועק די גוטע זאכן; רבי שמעון בר יוחאי האט אונז געוויזן די וועג ווי אזוי מיר זאלן קוקן, מען זאל זוכן די פינטעלע פון גוטס, און מיט דעם וועלן מיר קענען יעדן איינעם ברענגען נאנט צום אייבערשטן.

אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ, אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס - דַארְף מֶען זוּכְן דָאס גוּטְס, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּקְלַאפְּן, וַוייל מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַרָאפּקְלַאפְּן אוּן זִיךְ אַוֶועק מַאכְן, מֶען דַארְף אִין זִיךְ גְלֵייבְּן, אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אִיךְ בִּין אַ קִינְד, אַ בַּאלִיבְּט קִינְד; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ - אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס מִיר דַארְפְן מִיט נֶעמֶען לַ״ג בָּעֹמֶר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל רֶעדְן אוּן מְחַזֵק זַיין ...‚ נִישְׁט קֵיינֶעם מְרַחֵק זַיין חַס וְשָׁלוֹם. וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז מֶען טוּט מִיט אַ כְּלַל - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הַאקְן קֵיין קֶעפּ, מִיר קֶענֶען אוּן מִיר מוּזְן מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן רִיכְטִיג, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בּוֹחֵר צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ - טָאר מֶען נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזָאגְט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אַנְדֶערְשׁ, עֶר גֶט זִיךְ יָא - אִיז גֶעעֶנְדִיגְט? הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קֵיין מָקוֹם בַּיי אוּנְז? חַס וְשָׁלוֹם, מֶען מוּז יֶעדְן מְקָרֵב זַיין; נָאר אַ גַנָב, אַ מְנִיָּוּל - דַארְף מֶען דֶערְוַוייטֶערְן, (אוֹיךְ בַּיי דֶעם אִיז בֶּעסֶער צוּ מְזַכֶּה זַיין אַ צְוֵוייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט וַויי טוּן אַ אִיד), זִיכֶער וֶוען אֵיינֶער זָאגְט ׳אִיךְ קֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶעבְּן אַזוֹי, אִיךְ וִויל זִיךְ גֶטְ׳ן׳ - טָאר מֶען יֶענֶעם נִישְׁט וַויי טוּן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען מוּז יֶענֶעם הֶעלְפְן, מֶען מוּז רֶעדְן מִיט יֶענֶעם. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן וָואס דָא שְׁטֵייט, דוּ וֶועסְט זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיבּ יֶענֶער קוֹיפְט גוּטֶע עֶסְן פַאר שַׁבָּת אוּן יֶענֶעם אוֹיסְרִימֶען, אַזוֹי וִוי דִי לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער לַ"ג בָּעֹמֶר שִׁיסֶער דֶערְמַאנְט אוּנְז

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דַיין וַוייבּ בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט פַּאר עֶנְק אַז אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן אַלֶע דִינִים פוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

יֶעצְט קוּמְט לַ"ג בָּעֹמֶר; לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן. אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים אִיז, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו), וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען ווִי אַ פַאנְגֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן ווִי אַ פֵייגְל וֶוערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל אוּן זֵיי הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: "גֶעפַאנְגֶען" אוּן דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיג פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אוּנְז אַרִיבֶּער אִיז פוּן הִימְל מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן"; דֶערְפַאר שִׁיסְט מֶען מִיט דִי פַייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי לִימוּד פוּן דֶער פַאנְגֶער וָואס הָאט גֶעפַאנְגֶען אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיין פֵייגְל קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן אוֹיבְן; מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט, פוּן אַ קְלֵיינֶע זַאךְ בִּיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִישְׁט, אוּן צֶעקְוֶועטְשׁ זִיךְ נִישְׁט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל מֶען ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ טַעַם אוֹיף וָואס מִיר פִירְן זִיךְ צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן. וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּן ו, דַף לו:), וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֶען

אַ קֶשֶׁת מִיט לִיכְטִיגֶע קָאלִירְן, אוּן דָאס וֶועט זַיין דִי סִימָן אַז מָשִׁיחַ אִיז דָא, וֶוען מֶען וֶועט זֶען דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן מִיט לִיכְטִיגֶע קָאלִירְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי קֶשֶׁת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאנִיצְן זִיךְ נִישְׁט מִיט גֶעוֶוער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מד, ז): "כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְחַרְבִּי לֹא תוֹשִׁיעֵנִי", אִיךְ פַּארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ שְׁוֶוערְד; אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּאנִיצְן זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְד פוּן אִידְן. אַזוֹי ווִי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט דָארְט רַשִׁ"י, מִיט מַיינֶע תְּפִלּוֹת; דָאס אִיז אוּנְזֶער שְׁווערד אוּן אוּנְזֶער קֶשֶׁת, אוּן דָאס וֶועט אוֹיךְ זַיין דִי שְׁוֶוערְד פוּן מָשִׁיחַ, ווַייל מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן קֵיין גֶעוֶוער, מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער שִׁיסְן מִיר לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מִיר וַוארְטְן אוֹיף מָשִׁיחַ וָואס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דֶעם קֶשֶׁת בְּגַוְונָא נְהִירִין.

דֶער לַ"ג בָּעֹמֶר שִׁיסֶער דַארְף אוּנְז דֶערְמַאנֶען מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ קְלֶעם, אִין אַ צָרָה - זָאל מֶען נִיצְן דִי מוֹיל; דִי לִיפְּן זֶענֶען אִין אַ פָּארֶעם פוּן אַ בּוֹיגְן אוּן דִי צִינְג אִיז דִי פַּייל, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, "לֹא יִצְוַוח", זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרַייעֶן, "לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל", נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל אוּן נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל - "אֶלָּא לִי יִצְוַוח", נָאר צוּ מִיר זָאל עֶר שְׁרַייעֶן, "וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד", אוּן אִיךְ וֶועל אִים גְלַייךְ הֶעלְפְן; מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן, תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער מִיט וָואס מֶען קֶען בַּאזִיגְן אַלֶע פַיינְט.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן, נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְק אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, הַאלְט דִי קֶשֶׁת אִין הַאנְט אוּן שִׁיס פַיילְן, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן שִׁיס אַרוֹיס פַיילְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט שֶׁעמֶען, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

ווארוּל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט מְחַזֵק גֶעוֶוען דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ שֶׁערְן אִירֶע הָאר, ווארוּל אִיז דִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי קוֹל פוּן דִי צַדִיקִים; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִירֶע הָאר, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי, 'וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוּמְבַּאדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאכְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָרִים דָא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי הָאר וָואס זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

ווארוּל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטַארְקְט זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיךְ דִי טֶעכְטֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה אַז זֵיי זָאלְן טוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט שֶׁעמֶען, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר - וֶועט אַוֶועק גֶענוּמֶען וֶוערְן אַלֶע קְלָלוֹת פוּן זֵיי. חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:), אֵיינֶע פוּן דִי קְלָלוֹת וָואס חַוָה אִיז גֶעשָׁאלְטְן גֶעוָוארְן וֶוען זִי הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת אִיז: "מְגַדֶלֶת שֵׂעָר

כְּלִילִית", דִי הָאר בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס און אַלֶע צָרוֹת; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט צוּ לְקוֹל הַצַּדִּיקִים, עֶר פִירְט זַיין שְׁטוּב מִיט הֵיילִיגְקֵייט, עֶר גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי וָואס מַאכְן אַלֶעס אַוֶועק און שְׁפֶּעטְן פון דִי וֶוערְטֶער פון דִי צַדִּיקִים, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, און לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יום ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין; הֱיוֹת דוּ הֶעלְפְסְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט דִי מוֹסְדוֹת און מִיט דִי קְהִילָה, און אוֹיךְ מִיט דִי אוֹיפְבּוֹי אִין שְׁטֶעטְל, דִי שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דִי שְׁטֶעטְל וָואס טְרָאגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען; וִויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן אוֹיף נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם, און וִוי מֶען קֶען מַאכְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם און טוּט אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, פוּנֶעם טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ שַׁיינֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פון יום טוֹב שָׁבוּעוֹת; בִּיז לַ"ג בָּעֹמֶר זֶענֶען טֶעג פון טְרוֹיעֶר, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט הִלְכוֹת אֲבֵלוּת אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פון רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן און זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט דָאס מְתַקֵּן גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט אִין אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (נָשֹׂא קכח.): "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", מִיר זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין לִיבְּשַׁאפְט, מִיר דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן; עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי לִימוּד פון זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.): "'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה", דָאס אִיז דֶער עִיקָר פון דִי תּוֹרָה, און מִיט

דֶעם אִיז מֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה; דוּרְךְ לִיבּ הָאבְּן אַ אִיד און נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיין שׁוּם אִיד – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צא).

דֶער הֵיילִיגֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס מֶען דַארְף מְקַבֵּל זַיין דֶעם לִימוּד פוּן 'אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא', אָפְּלָאזְן דִי מַחֲלֹקֶת, זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, און לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם; צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: 'רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז לַכֹּל' דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם לַיידְן, יֶעדְן אֵיינֶעם נֶעמֶען, דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס מִיר זָענֶען מְקַבֵּל אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, זַיין לַכֹּל, קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְנֶעמֶען, וֶועלְן יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, מַאכְן פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר יֶעדְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן און מַאכְן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ שֶׁיִּחְיוּ**

מַזָּל טוֹב פַאר דִי אָפְּשֶׁערְן און מַאכְן פֵּיאוֹת פַאר עֶנְקֶער בְּכוֹר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אִידִישׁ נַחַת, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִינְאֵיינֶעם.

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן דִי מִנְהָגִים וָואס מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי אוּנְז בַּיים אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר און מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת; וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ אַ קִינְד, מֶען מַאכְט אִים דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת – דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא; וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף שִׁידוּכִים, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ גֵייעְן אַרִיבֶּער, און נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה; וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן יְשׁוּעוֹת; און אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, מֶען פִירְט אַ

קִינְד אִין חֵדֶר לֶעקְן דִי הָאנִיג וָואס דֶער מְלַמֵּד שְׁמִירְט אָן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע א"ב - דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיס זָאגְן מִיטְן מוֹיל: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען פִירְן אוּנְזֶער קִינְד צוּם מְלַמֵּד זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א"ב", אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן אוֹיךְ גֶעבְּן דֶעם קִינְד זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְזֶער קִינְד זָאל זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי פֵּיאוֹת, עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁנֵיידְן בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, עֶר זָאל בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".**

דָאס זֶענֶען מֶער וֵויינִיגֶער אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים, עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן נָאר אַ לְחַיִּים; דָאס הָאט שׁוֹין יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה מִיט זֵייעֶר וֶועג, דֶער עִיקָר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן - דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבּ צְדָקָה מִיט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת אַז דַיין קִינְד זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי פֵּיאוֹת, קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁנֵיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז מְסוּגָל אוֹיסְצוּ'פּוֹעֶל'ן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? וָואס הֶערְט זִיךְ בַּיי דִיר? אִיךְ זֶע דִיךְ וֵוינִיג אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ וֵוייטָאג פַאר דִיר, עֶס דְרוּקְט מִיר אַז עֶנְק וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג פַאר עֶנְקֶער יְשׁוּעָה.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, יֶעצְט קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר; וְויסְן זָאלְסְטוּ, לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז מְסוּגָל אוֹיסְצוּ'פּוֹעֶל'ן קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַלְץ פַאר דֶער וָואס אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דִי טֶבַע, אָבֶּער דֶער וָואס גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, דִי גַאנְצֶע טֶבַע אִיז נָאר אַ

בְּרִיאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע טֶבַע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דורְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דורְךְ טוּן דִי סְגוּלוֹת הַצַּדִיקִים - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ שִׂיסְן מִיט דִי פַייל און בּוֹיגְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סג), שִׂיסְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיטְן פַייל און בּוֹיגְן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער; און מִיט אֱמוּנָה, און מִיט אֱמוּנָה אִין דִי סְגוּלוֹת פוּן צַדִיקִים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת.

אַז מֶען וויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער - מוּז מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף זַיין בְּשָׁלוֹם, לֶעבְן מִיט אַהֲבָה וְאַחְוָה. אַזוֹי ווי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לא), אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט צוּגֶעזָאגְט קִינְדֶער פַאר אַ פָּאר-פָּאלְק וָואס הָאבְן לַאנְגֶע יָארְן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז זֵיי הָאבְן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, זֵיי ווילְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, זֵיי ווילְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, עַיֵין שָׁם; אַזוֹי קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג דורְךְ לֶעבְן אִין שְׁטוּב מִיט לִיבְּשַׁאפְט, נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן, נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר צוּ זַיין קְלוּג, שְׁטֶענְדִיג נָאכְגֶעבְן; דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִנְהָגִים בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע ... שֶׁיִּחְיוּ**

מַזָל טוֹב פַאר דִי אָפְּשֶׁערְן און מַאכְן פֵּיאוֹת פַאר עֶנְקֶער בְּכוֹר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אִידִישׁ נַחַת, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִינְאֵיינֶעם.

דֶער מִנְהָג אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט פַאר אַ קִינְד פֵּיאוֹת הִיט מֶען אִים אָפּ

עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס; דֶער מִנְהָג אִיז אַז וֶוען מֶען טְרָאגְט דֶעם קִינְד אִין חֵדֶר צוּם מְלַמֵּד זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א"ב נֶעמְט מֶען אִים אַרוּם מִיט דִי הֵיילִיגֶע טַלִית, מֶען הִיט אִים אָפּ זַיינֶע אוֹיגְן עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף טָמֵא'נֶע זַאכְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן בֶּעטְן אוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאֶרן קִינְד אַז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל עֶר בְּלַייבְּן מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן מִיט הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַסַאךְ פִירְן זִיךְ אַז מֶען מַאכְט דִי אָפְּשֶׁערְן אִין לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִירְן זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער קַיין מִירוֹן, זֵיי דָארְט מַאכְן פֵּיאוֹת, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער אַרִיזַ"ל גֶעטוּן. ווַייל מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדַּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד; דֶערִיבֶּער מַאכְט מֶען פֵּיאוֹת אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, וָואס בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז נִישְׁט פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֶענֶען אִידְן מְקַיֵּים דִי תּוֹרָה; מַאכְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת אִין דֶעם טָאג אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד אוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף אַלֶע אִידְן אַז אַלֶע זָאלְן גֵיין מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאר זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵאר קִינְדֶער

## אַלֶעס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל

אֵיינְס... צְוֵויי... דְרַיי... נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אַ מְחוּצָף דִי פֵייגֶעלֶע, אִיךְ וֶועל אִים נָאךְ בַּאלְד כַאפְּן.

אֵיינְס... צְוֵויי... דְרַיי... נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וָואס גֵייט פָּאר? דִי פֵייגְלֶעךְ פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל אַוֶועק... אִיךְ גֵיי פְּרוּבִירְן נָאךְ אֵיינְמָאל, אֵיינְס... צְוֵויי... דְרַיי... כַאפּ...! גֶעלוּנְגֶען, אַרַיינְגֶעכַאפְּט!

הָאסְט גֶעהֶערְט דִי בַּת קוֹל: "סְפִּיקוּלָא"? דָאס מֵיינְט גֶעכַאפְּט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל נָאכְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רוֹימֶער פַאר דְרַייצְן יָאר, דִי רוֹימֶער הָאבְן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי ווִילְן מַאכְן דִי אִידְן זָאלְן טוּן עֲבֵירוֹת, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן, אוּן



אוּפְּס, סְ'אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן...

װֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַ פַאנְגֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט: ״סְפִּיקוֹלָא״, דָאס מֵיינְט גֶעכַאפְּט; הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: ״קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט פַאסִירְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז מֶען רוּפְט דָאס אוֹיס אִין הִימְל״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט טוּן; מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי... רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי...״